STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02417

MAYN VAYBS SPAZMES

N. M. Shaykevitsh

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מייַן ווייַבּס סְפּאַזְמֶעס

איינע וואהרע ערצעהלונג

פאָן

נ. מ. שייקעוויטש (ש׳מ׳ר)

FEB -2
Copy 1960

ווילנא
שנת תרנ״ג לפ״ק

СПАЗМЫ МОЕЙ ЖЕНЫ.

Разсказъ Н. М. Шайкевича.

ВИЛЬНА.
Типографія Вдовы и братьевъ Роммъ.
Жмудскій переулокъ собст. домъ № 328.
1892.

Дозволено цензурою. — 1 Іюля 1892 г. Кіевъ.

פארערע

דיא קליינע געשיכטעלע אבוואהל בייא דעם ערשטען
בליק קאן זיין אז זיא וועט אויס ווייזען עטוואס איבערטריבען,
נאר אז מען וועט זיך גוט צוקוקען וועט מען דא דערזעהען
אריכטיג בילד פונ'ם לעבין, פון דיא בילדער וואס מיר
זעהען כמעט אין אלע צייטען אונ אין אלע שטעט, איך בין
פערזיכערט אז דיא לעזער וועלין פון איהר פערגעניגען
האבין אונ דיא לעזערינס וועלין דא פאר זיך אשיינעם מוסר
געפינען, ווער רעט דיא לעזערינס וואס האבין געבאך
אזעלכע ספאזמעס וויא דיא העלדין פון דער קליינער
געשיכטעלע, דיא וועלין געווים דא ארפואה שלמה צוא זייער
קראנקהייט געפינען.

אז דיא געשיכטעלע איז קליין מאג זיין דיא הקדמה
אויך אקליינע, דארום וועל איך פון איהר מאכען אסוף
מיט דעם וואס איך וועל אונטער שרייבין מיין עהרענטיטעל,
דאס איינציגע וואס מיר איז געבליבען פאר מיינע אלע
ראמאנען.

דער פערפאססער

א

מיין ווייב זאל לעבען

איידער איך וועל אנהייבען צוא ערצעהלען מיין געשיכטע, וויל איך האבען דיא עהרע פאר אייך מיינע ליבע לעזער מיין ווייב פארצושטעלען, דען זיא איז זעהער איינע אינטערע־סאנטע פערזאן.

זיא האט אמאל געהייסען קריינע גאלדע, דאס איז אבער געוועזען מיט צעהען יאהר פריהער בשעת זיא איז נאך געזעסען ביי איהר מאמע חאנטשע דיא קרעמערין, אין קראם, און האט זיך געשלאגען און געקריגט מיט דיא שכנישע קרעמער פאר דעם קלענסטען קונה, היינט אבער הייסט זיא קאטהארינא פאוולאוונא וויל זיא איז ניט צוא פערזינדיגען אהיינטמאדישע מאדאם מיט אלע פיפּטשיקליך, זיא טראגט אייגענע האר, זיא געהט דיא פארדערסטע ציין אריינגעשטעלטע, און פארבט אפט צוא איהרע באקען וואס האבען ניט פאר קיין יודישע מאכטער געדאכט, דורך אקינפּעט געלע פלעקען בעקומען, געקליידעט געהט זיא נאך דער לעצטער מאדע און מיר שיינט אז נאך שענער אלס דיא מאדע פאדערט, דען איך וויים אז אקלייד מיט אלאנגער שלעפּע טוהען דיא היינטיגע דאמען אן אויף אבאל, און מיין ווייב זאל לעבען געהט מיט דער לאנגער שלעפּע אפילו אין גאס, איהר מאכט גאר ניט אויס אפילו ווען אויף דער גאס איז אבלאטע, און איהר שלעפּע טובל'ט זיך אפּ אין דיא שמוציגע לוזעס, קורץ גירעט מיין ווייב קאטהארינא פאוולאוונא איז אפּאלקאמענע היינטמאדישע מאדאם נאך אלע דינים פון דעם מאדישען שלחן ערוך.

שפאזמעס

קאטהארינא

קאטהארינא פאוולאוונא! ווען איהר טאטע פייוועש נימפעל זאל דארט שטעהן אונ בעטין פאר אונז זאל וויסען אז זיין טאכטער האט איהם אנאמען גינעבין פאוועל, וואלט ער דוכט זיך טויטער הייט ארוים געלאפען פון זיין קבר אונ וואלט אזויא וויא אמאהל אויף מיין ווייבס פלייצעס דעם הילצערנעם ארשין פון קראם צוא בראכין, יענער, זאל ער אונז אלעמען מוחל זיין, איז גיוועז איינער פון דיא פייערינסטע חסידים וואס האט ניט גיקאנט צוא זעהן ווען יעמאנד פון אונזערע שטאט לייט איז ארוים געגאנגען אין גאס מיט אפגעפוצטע שטיוועל, אונ טאמער האט איינער געמאכט קירצער דיא פאות האט רבי פייוועש נימפעל געשריען קולות אין אלע גאסען אז דער אפיקורס איז מעכב דיא גאולה, פלוצים האט איהם גאר זיין טאכטער אנאמען גינעבין פאוועל, דאס איז ווירקליך אסקאנדאל אונ איך דאנק טאקע אונ לויב אלע רגע דעם וואס איך האב דיא הענד ניט געוואשען דער פאר וואס ער האט איהם צוגענומען אהין אין דעם עולם האמת וואו אלע משרתים פון גן עדן רופען איהם געוויס וויא פריהער רבי פייוועש נימפעל, אונ ער קאן ניט קומען צוא מיר. אין שטוב ברעכין מיין ווייב דיא ביינער, דען איהר גאנצין בעס וואלט זיא געוויס אוים געלאזט צוא מיין קאפ אונ צוא מיין לייב אונ לעבין.

יא ברידערלאך! דעם איין פעהלער האט מיין ווייב זאל געזונד אונ שטארק זיין, וואס נאר עפעס גיסט זיא אוים כל חמתה אויף מיין קאפ, זאל זיא זיך צוקריגין מיט דער דינסט, שרייט זיא באלד אויף מיר: טהייערער בעל הבית מיינער! וואס שווייגסט דוא? זעהסט אז איך האב אזעלכע צרות פון דער פאסקוטסטווא אונ דוא פאטשט איר ניט אוים דיא באקען, אויך מיר אמאן אונ אויך מיר אבעל הבית, איידער אזעלכע מאנען צוא האבין איז שוין בעסער אנ'אלמנה צוא בלייבען, טאמער וויל איהר אקינד ניט אזויא גיך געהארזאם זיין האב איך שוין

ספאזמעס

אטהייערע

אַטְהַייֶערֶע פָּארְצִיָאן, „טַאטְלָא“ שְׁרַייט זִיא מִיט קוֹלוֹת „וָואס בַּאנְרָאבְּסְטוּ אִיהם נִיט, נִיט הָאבִּין זָאל אִיךְ אַייךְ בֵּיידִין וִויא אִיךְ הָאבּ שׁוֹין קֵיין גֶעזוּנְד נִיט אַזֶעלְכֶע צָרוֹת אִיבֶּער צוּטְרָאגִין“.

קוּרְץ גִירֶעט אַזֶעלְכֶע פָּארְצִיָאנֶען לֵייז אִיךְ ברוךְ השם אַלֶע וַוייֶלֶע, אוּנ אִיךְ מוּז גֶעבּאךְ שְׁוַוייֶגֶען וַוייל מַיין קאטהארינא פאוולאוונא הָאט זֵייעֶר אַגוּטֶען זִכָּרוֹן, זִיא גֶעדֵיינְקְט נָאךְ וִויא זִיא פְּלֶעגְט אַמָאהל וַוארְפֶען דִיא קְרֶעמֶערִינְס דֶעם פַּייעֶרְטָאפּ אִין דִיא קֶעפּ אַרַיין, אוּנ וַוייל הַיינְט אִיז זִיא מִיט דִיא קְרֶעמֶערִינְס קֵיין מְחוּתֶּנֶתְ׳טֶע נִיט הָאט זִיא שְׁטַארְק אַפֶּעטִיט מִיךְ מִיט אַזַא כִּבוֹד מְכַבֵּד צוּא זַיין, זָאל אִיךְ אִיהר עֶפֶּעס עֶנְטְפֶערִין אוֹיף אִירֶע קְלָלוֹת אוּנ גְוַואלְדֶען פוֹילְט זִיא זִיךְ נִיט אוּנ וַוארְפְט מִיר אִין קָאפּ אַרַיין וָואס נָאר אִיהר פַּאלְט אַרַיין אִין דִיא הֶענְד.

אִיךְ וַוייס אַז אַנְדֶערֶע מַאנֶען וָואלְטֶען דִיא כִּבּוּדִים גָאר נִיט גֶעשְׁמֶעקְט, אוּנ זַייא וָואלְטֶען זִיךְ אֶפְשַׁר מִיט אַזַא וַוייבּ גֶעגֶט, נָאר אִיךְ הָאבּ דָאס אֲפִילוּ גָאר אִין זִינֶען נִיט גֶעהַאט, וַוייל אִיךְ הָאבּ גוּט גֶעוואוּסְט אַז וֶוען אִיךְ זָאל זוּכֶען אוּנ זִיפֶּען וָועל אִיךְ נִיט גֶעפִינֶען אַזַא וַוייבּ וָואס זָאל מִיךְ אַזוֹיא לִיבּ הָאבִּין וִויא מַיין קאטהארינא פאוולאוונא הָאט מִיךְ לִיבּ.

יַא אֶמֶת, וָואס אֶמֶת אִיז אֶמֶת, מַיין וַוייבּ הָאט מִיךְ זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט, אַסִימָן הָאט אִיהר אַז זִיא הָאט קֵיין וַוייבֶּעל אוּנ קֵיין מֵיידֶעל נִיט פֶּערְגוּנֶען דָאס פֶּערְגֶענִיגֶען זִיא זָאל מִיט מִיר אַבִּיסֶעל פֶּערְבְּרֵיינְגֶען, טָאמֶער חָלִילָה הָאט זִיא יַא בַּאמֶערְקְט אַז עֶפֶּעס אַפְרוֹיא הָאט מִיט מִיר גִירֶעט, נוּא נוּא וָואס ווִילְט אִיהר, דִיא אוּנְגְלִיקְלִיכֶע וַוייבֶּעל אִיז שׁוֹין דוּכְט זִיךְ אִיהר חיבוט הקבר אָבְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער זִינְדִיגֶער וָועלְט טַאקֶע דוּרְךְ מַיין קאטהארינאן, וָואס פַּאר אַצָרוֹת אִיהר ווִילְט הָאט דִיא פְרוֹיא גֶעהַאט, מַיין וַוייבּ הָאט גֶעשְׁרִיעֶן אִין אַלֶע גַאסֶען אַז דִיא כָּלְבּוֹנִיצֶע רֶעט פוּן אִיהר אָפּ דֶעם מַאן, זִיא פְלֶעגְט אִיהר נָאךְ לוֹיפִין אִין אַלֶע גַאסֶען מִיט שְׁטֶעקִינְס אוּנ מִיט קַאטְשֶׁערֶעס,

מפאזמעם

און

און איך ? פרעגט שוין גאר ניט , איך ווינש דאס געוויס קיין יודען ניט ער זאל האבין דיא יסורים וואס איך פלעג בייא אנא פאל איבער טראגען , זיא האט מיר אפין ניט גיגעבין , זיא האט מיך געמאכט מיט דער בלאטע צוגלייך , און אין אנא צייט פלעג איך דאנקען און לויבין דער נייער מאדע וואס איז ארויס מען זאל געהן אן בערד, דען ווען איך זאל גיוועזן חס ושלום טראגין א באָרד וואלטין אלע האר פון דעם בארד צוזאמען מיט שטיקער פלייש געבליבען אין איהרע הענט , און פאר וואס איז דאס אלץ גיוועזן ? ניט מעהר דער פאר וואס זיא האט מיך שטארק ליב געהאט , נוא פרעג איך אייך האב איך מיך גיקאנט שיידין פון אזא אוצר ? פון אזא אבן טוב ?

נאר פאר איין זאך האב איך נאך געדאנקט גאט , וואס מיין היינטמאדישע ווייב האט ניט געהאט דעם פעהלער וואס איז אזויא היינט איבעראל אריין אין דער מאדע , איך מיין „שפאזמעס״, אין דיא אריסטאקראטישע הייזער וואו איך פלעג אריין גיין האב איך זייער אפט באגעגינט אמאדאם מיט שפאזמעס , זיא פלעגט פאלען חלשות, זיא האט געווייגט געלאכט , זיך געדראפעט, און מיט שווערער מיהע פלעגט דעם מאן אנקומען זיא אויפצומונטערין און בערוהיגען , מיין ליבע קאטהארינא פאוולאוונא האט דאס אין זיך ניט געהאט , זיא פלעגט זיך דראפען , לאכען און וויינען נאר אן ספאזמעס , זיא האט אפילו אמאהל כלומרשט יא געפרופט עפעס אזויא וויא קריגען ספאזמעס , נאר עס האט איהר גאר ניט געלונגען , און פון דאמאלס אן האב איך שוין דאס בייא איהר גיט באמערקט , „נו גלויבט איז השי״ת חאטש דר פר !״ האב איך זיך פיל מאהל געטראכט ,וואס וואלט איך געטאן ווען זיא זאל נאך אלע טאג בעקומען ספאזמעס און איך זאל נאך דארפין ברייננען דאקטורים מיט רפואות ?״

איין קליינעטשקער גאר אפיטשינקער שגעון האט זיך אין מיין קאטהארינאן לא עליכם אריינגעהאפט , זיא האט זיך

איינגעבילדעט אז איך וויל חתונה האבען מיט אמויד, אונ ביי יעדער געלעגענהייט האט זיא דאס מיר גיגעבען צוא ביהלען, האב איך ניט אזויא גיך געוואלט ארויס גיין מיט איר שפאצירען האט זיא געזאגט צארניג: ווען אמויד זאל דיך בעטין דוא זאלסט מיט איהר געהן שפאצירען וואלסטו געלאפין ניט גינאנגען. האב איך אמאהל אן אפעטיט גיגעסין האט זיא געזאגט: איך פערשטייי דיר גיפעלט ניט מיינע עסינס, ווען אמויד זאל דאס דיר גיווען דערלאנגען וואלסטו דאס איינגעשלונגען, בקצור דאס ווארט „מויד" איז ניט אויף אמינוט פארגעסען געווארין ביא מיר אין שטוב, מען האט איהם געהערט אויף יעדין טריט אונ יעדע רגע.

יעצט מיינע הערין אונ דאמען, אז איהר קאנט זיך שוין מיט מיין ווייב זאל מאריך ימים זיין וועל איך צוטרעטען צוא מיין געשיכטע, נאר איך בעט אייך לעזט דאס מיט קאפ אונ מיט מוח.

ב

דיא רויטע גאז

אזויא וויא אייך איז באקאנט אז מיין קאטהארינא פאוולאוונא איז גיוועזן אהיינטמאדישע מאדאם, דארפט איהר אליין פערשטעהן אז זיא האט געמוזט אלע יאהר פאהרען אין דיא בעדער, חאטש זיא איז גיוועזן קיין ביזע אונ זאל איר ניט שאדען געזונד וויא אקאזאק, אונ פלעגט עסין וויא נאך אקריינק, זיא פלעגט פאהרען אלע יאהר אין דיא בעדער אונ זיא איז גירעכט גיוועזן, וויא זאגט זיא אז חייקע דיא שווארצע אונ ברכה דיא רויטע דיא קבצנטעס פאהרען אין דיא בעדער מאג איך געוויס אהין פאהרען, וייל איך בין אזויא רייך וויא זייא אונ קליגער בודאי.

אִיךְ בִּין מִיךְ מוֹדֶה וּמִתְוַדֶּה אַז אִיךְ פְלֶעג זִיא מִיט פֶערְגֶע־ נִיגֶען לָאזִין פָאהרֶען אִין דִיא בֶּעדֶר, דֶען דִיא צַייט וָואס זִיא הָאט זִיךְ דָארְט גֶעטוּבֶּלְט אִין בָּאד הָאבּ אִיךְ גֶעוואוּסְט אַז אִיךְ לֶעבּ אוֹיף דֶער וֶועלְט, מַיין קָאפּ אִיז גִיוֶוען זִיכֶער אַז אִין אִיהם וֶועט נִיט פְלִיהֶען קַיין בַּיינְקִיל אוּנ קַיין גְלָאז, מַיינֶע אָהרֶען הָאבִּין נִיט גֶעהֶערְט קַיין קְלָלוֹת אוּנ קַיין זִלְזוּלִים, דָאס וָוארְט „מוֹיד" הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט אַרוּם צוּא סְפַּאצִירֶען אִין מַיין וָואהנוּנְג אִיךְ בִּין זִיךְ גִיזֶעסִין רוּהִיג וִויא אַפוֹיגֶעלֶע אִין אַנְ'עֶסְט, אוּנ מִיר הָאט נִיט גֶעפֶעלְט פוּן פוֹיגִיל מִילְךְ, דֶער פַאר אָבֶער הָאבּ אִיךְ גֶעמוּזְט אַלֶע יָאהר פָאהרֶען זִיא אָפְּגֶעהמֶען פוּן דִיא בֶּעדֶער, אָהן מִיר הָאט זִיא בְּשׁוּם אוֹפֶן זִיךְ נִיט גֶעוָואלְט רִיהרֶען פוּנָ'ם אָרְט, אוּנ אַז אִיךְ פְלֶעג יַא נָאךְ אִיהר קוּמֶען הָאבּ אִיךְ גֶעמוּזְט אוֹיס הַאלְטֶען אַשְׁטְרֶענְגֶען עֶקְזַאמֶען, אִיךְ הָאבּ אִיהר גֶעמוּזְט עֶרְצֵיילֶען וֶוער עֶס אִיז בַּייא מִיר אִין דֶער צַייט גִיוֶוען, מִיט וֶועמֶען הָאבּ אִיךְ פֶערְבְּרַאכְט, נִירֶעט, גֶעגַאנְגֶען, א. ז. וו.

דוּרְכְפָאהרֶענְדִיג מִיט אִיהר פוּן דִיא בֶּעדֶער דִיא שְׁטָאט ווארשויא הָאבִּין מִיר זִיךְ אָפּ גֶעשְׁטֶעלְט אִין דֶער שֵׁיינֶער שְׁטָאט אוֹיף עֶטְלִיכֶע טֶעג, דֶען מַיין קאטהארינא פאוולאוונא פְלֶעגְט זִיךְ דַאן אַיינְקוֹיפֶען אִיהרֶע מָאדֶעס, מִיט אַלֶעם וָואס זִיא הָאט בֶּעדַארְפְט.

אִין דֶעם יָאהר 1885 אִיז אוֹיךְ דָאס זֶעלְבֶּע גִיוֶועז, אִיךְ בִּין צוּא אִיהר גֶעפָאהרֶען אִין ציחאציניק זִיא בְּרֵיינְגֶען אַהֵיים, אוּנ דוּרְכְפָאהרֶענְדִיג ווארשויא הָאבִּין מִיר זִיךְ דָארְט אָבְּגִישְׁטֶעלְט אוֹיף אֵיינִיגֶע טָעג.

אַלְס אִיךְ בִּין אֵיין מָאהל אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען אִין גַאס, הָאבּ אִיךְ מִיךְ בַּאגֶעגִינְט מִיט מַיינֶעם אַגוּטֶען פְרַיינְד שמעון קנאָפפמאן, עֶר אִיז גֶעוָוארֶען אוֹיסֶער זִיךְ פַאר פְרֵיידֶע אַלְס עֶר הָאט מִיךְ דֶער זֶעהן, אוּנ אַרוּפְפַאלֶענְדִיג מִיר אוֹיף דֶעם הַאלְז הָאט עֶר אַגֶעשְׁרֵייא גֶעטָאהן: גָאט הָאט דִיךְ אַהֶער גֶעבְּרַאכְט מַיין

ליבער סאמסאן דוא ביזט געקומען וויא גערופען מאלאדיעץ בראט!

שמעון קנאפפמאן מוזט איהר וויסען מיינע לעזער איז גיוועזען אהאלבער אריסטאקראט, זיין קליידונג וואר האלב דייטש האלב יודיש, זיין שפראכע האלב יודיש האלב רוסיש, איך האב אפילו אויך גיקאנט זאגען אז ער איז גיוועזען האלב שיין האלב מיאוס, ווען ער זאל ניט גיוועזען האבען זייער אגראבע רויטע נאז, דען אזויא וואר ער אגאנץ שיינער מענש מיט שווארצע לאנגע האר שווארצע דונקעלע אויגען, אונ מאסיף געבויט, נור דיא פערפלוכטע גראבע רויטע נאז האט איהם העסליך געמאכט, ער איז גיוועזען מיינער איוגענד פריינד, מיר האבען אמאהל צווישען זיך זייער גוט געלעבט, נאר שוין זייט זעכס יאהר האט ער זיך אריינגעצויגען אין ווארשויא, ער איז דא געווארען אקאמיסיאנער פון מאניפאקטור, אונ אין דיא זעכס יאהר האבען מיר זיך עפעס אפאר מאל בריעף געשריבען אונ דאמיט האט זיך גיענדיגט.

דער מענטש וואר זייער אנ'ארדענטליכער, נאר ניט איבעריג קלוג, דאביי איז ער גיוועזען זייער אקליינער רעדנער, בעזאנדערס אז ער פלעגט אריינקומען אין אפרעמדער געזעלשאפט, האט ער נאר קיין מויל גיקאנט עפענען, חאטש אזויא מיט אבעקאנטין האט ער נאך צופיל גירעט אלס מען בדארף.

וואס הייסט איך בין געקומען וויא גערופין? — האב איך איהם געפרעגט.

אטשען פראסטא — האט ער לאכענד גיענטפערט — דוא וועסט מיר העלפין אוים קלייבין אכלה פאנימאיעש לי טי?

צוא אכלה אוים קלייבען דארפסטו האבין העלפער?

פאניאטנאיע דיעלא אז ביי אזא זאך שאדעט ניט אזא נוטער ברודער וויא דוא ביזט.

איך האב געמיינט אז דוא האסט שוין לאנג חתונה גיהאט.

ניע סלוצילאס בראט, עס האט זיך ביז אהער עפעס ניט געמאכט אזא פארטהייא וואס מיר זאל זיין צום הערצען,

פאניאל ? אוים קלייבין אכלה נאך מיין וואונש איז קיין קליינינקייט ניט.

נוא אונ איצט האט זיך דיר יא געמאכט אזא פארטהייא ?

טעפער דיעלא דרונאע — האט ער לאכענד גיענטפערט — איצט ברודער רעט מען מיר אשידוך יא טעביע גאווארי פרעילעסט טשטא טאקאע, מען זאגט אז דיא כלה איז אזעלטענ-הייט, שיין וויא דער מארגענשטערין, געבילדעט קאק ניעלזיא לוטשע, אונ זיא האט געלד אויך אהיבש ביסעל.

נוא וואס זשע פערלאנגסטו פון מיר.

איך וויל דוא זאלסט מיט מיר היינט אין אבענד גיין זעהן דיא כלה.

דאס איז ניט פון דיא גרויסע אונגליקן, איך קאן דאס דיר טאהן.

בלאנאדאריו דרוך מאי — האט ער גענאגט מיר דיא האנד דריקענד — איז דאס שוין בעשטימט אז דוא וועסט מיט מיר גיין ?

יא איך וועל מיט דיר גיין, זאג מיר וואו קאנען מיר זיך היינט אין אבענד זעהן.

סטראנאע דיעלא ! וואס הייסט וואו ? איך וועל קומען צוא דיר אין גאסטיניץ זאג מיר נאר וואו שטייסטו איין, טאנדא יא פרידו.

גיין צוא מיר זאלסטו ניט קומען, איך וויל ניט מיין ווייב זאל וויסען אז איך גייא מיט דיר זעהען אמויד, דוא פאר שטייסט.

אהא איך פערשטייא עטא סטאראיא פיעסניא, דיין ווייב איז נאך אלץ אזויא אייפערזיכטיג וויא אמאהל.

היינט נאך מעהר אלס אמאהל.

עטא פלאחא בראט ! אין אזא לאנגע צייט האסטו זיא ניט גיקאנט איבעראנדערשען ?

מִסְתָּמָא הָאט מֶען נִיט גִיקֶענְט.

נוּא אוֹיבּ אִיךְ קָאן נִיט קוּמֶען צוּא דִיר אוֹיף דֶער קְוַוארְטִיר, וֶועלִין מִיר זִיךְ זֶעהֶען עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ, זְנַאיֶעשׁ צְטָא בְּרַאט? דוּא וַויְיסְט וואוּ דָאס טְהֶעאַטֶער עֶלְדָארַאדָא אִיז?

אִיךְ וַויְים זֶעהֶער גוּט.

וָואט אִי אָטְלִיטְשְׁנָא, דוּא זָאלְסְט קוּמֶען אִין עֶלְדָארַאדָא אוּם זִיבִּין אוּהר, פוּן דָארְט וֶועלִין מִיר בֵּיידֶע אַוֶועק גֵיין צוּא אַוֶועק פָּארִין צוּא מַיין כַּלָה, סָאנְלַאסֶען?

גוּט אִיךְ בִּין צוּפְרִידֶען — הָאבּ אִיךְ גִיעֶנְטְפֶערְט.

וִויא אַזוֹיא וֶועסְט דוּא אָבֶּער אַוֶועק גֵיין פוּן דַיין וַוייבּ, זִיא וֶועט דָאךְ דִיךְ פְרֶעגִין וָואהִין גֵייסְטוּ.

אִיךְ וֶועל שׁוֹין אוּים זוּכֶען פַאר אִיהר אַתִירוּץ.

לַאדְנָא, מָאג אִיךְ שׁוֹין זִיכֶער זַיין אַז דוּא וֶועסְט קוּמֶען אִין עֶלְדָארַאדָא?

אַז אִיךְ זָאג אִיז גִיזָאגְט.

הַארַאשָׁא אִיךְ וֶועל שׁוֹין דָארְט אוֹיף דִיר וַוארְטֶען, פָּאקַא דָא סְווִידַאנְיֶע! — הָאט עֶר גִיזָאגְט מִיר דְרִיקֶענְד דִיא הַאנְד אוּנ אִיז אַוֶועק גִיגַאנְגֶען.

אִיךְ בִּין אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּא מִיר אוֹיף דֶער קְוַוארְטִיר אוּנ הָאבּ דָארְט גֶעטְרָאפֶען מַיין קאטהארינא פאוולאוונא וֶועלְכֶע אִיז אוֹיךְ נִיט לַאנְג גֶעקוּמֶען פוּן דִיא קְרָאמֶען מִיט אַפֶּעקִיל סְחוֹרָה.

זִיא הָאט מִיר גֶעוִויזֶען דִיא כָּשֵׁרָה מְצִיאוֹת וָואס זִיא הָאט אַייְנְגֶעקוֹיפְט, אוּנ חָאטְשׁ אִיךְ הָאבּ גִיזֶעהֶען אַז זִיא הָאט אוּים גִיגֶעבִּין גֶעלְד אוֹיף שְׁמַאטֶעס, הָאבּ אִיךְ נָאךְ גֶעמוּזְט מַאכֶען אַצוּפְרִידֶענֶע מִינֶע אוּנ הָאבּ גֶעמוּזְט זָאגֶ־ן אַז מִיר גֶעפֶעלְט דָאס זֵייעֶר.

אִיךְ הָאבּ הַיינְט בַּייא נַאכְט אַנַאנְג וָואס אִיךְ פוּיל מִיךְ זֵייעֶר צוּא גֵיין — הָאבּ אִיךְ אִיהר גֶעזָאגְט זִיךְ אַוואַרְף טָאהנְדִיג אוֹיף דֶער זָאפֶע.

וואוהין בַּאדַארְפְסְט דוא דָאס גֵיין ? — הָאט זִיא מִיךְ גֶעפְרֶעגְט .

רבי יענקעלע הערשעלעס אוּנְזֶער בַּאנְקִיר הָאט מִיר מִיט גִיגֶעבִּין עֶטְלִיכֶע אֶנְוַויְיזוּנְג אוֹיף אַפָּאר הִיגֶע סוֹחֲרִים עֶטְלִיכֶע טוֹיזֶענְט רוּבֶּעל אָבְּצוּנֶעהמֶען , אִיךְ בִּין עֶרְשְׁט בַּייא זֵייא גֶעוֶוען , הָאבֶּען זֵייא מִיר גִיבֶּעטִין אִיךְ זָאל אַרַיין קוּמֶען אִין אָבֶענְד , דָאס אִיז אָבֶּער זֵייעֶר וַוייט, אִיךְ פוֹיל מִיךְ אַהִין צוּא גֵיין אוּנ נָאךְ אִין אָבֶענְד .

דָאס אִיז אָבֶּער קֵיין תִּירוּץ נִיט — הָאט מַיין פְּלוֹנִיתְטֶע גֶעזָאגְט — פַאר יעקב רבי הערשעלעס מוּזְטוּ דָאס טָאהן וַוייל דוא הָאסְט אוֹיךְ פוּן אִיהם אָפְט אַטוֹבָה .

עֶס אִיז אָבֶּער זֵייעֶר וַוייט צוּגֵיין .

נוּא וֶועסְט דוא נֶעהמֶען אַנ׳אִיזְוָואשְׁצִיק, דָאס אִיז נִיט קֵיין גְרוֹיס אוּנְגְלִיק .

זָאגְסְט דוא אִיךְ זָאל יַא גֵיין ? עֶפֶּעס הָאבּ אִיךְ קֵיין חֵשֶׁק נִיט .

דוא הָאסְט דָאךְ בֶּעשְׁטֶענְדִיג אַזַא נַאטוּר — הָאט זִיא מִיט כַּעַס גֶעזָאגְט — אַנֵייטִיגֶען גַאנְג ווִילְסְטוּ נִיט גֵיין , זֶעהסְט דוא מֶען זָאל דִיךְ רוּפֶען צִיא אַמוֹיד וָואלְסְטוּ גֶעפְלוֹיגִין חָאטְשׁ הַאלְבֶּע נַאכְט .

שַׁא שַׁא שְׁרַייא נִיט אַזוֹיא אִיךְ וֶועל שׁוֹין גֵיין — הָאבּ אִיךְ מִיט אַרַחֲמָנוּת פָּנִים גֶעזָאגְט אוּנ הָאבּ זִיךְ גֶעקְלֶערְט : וֶוען זִיא זָאל ווִיסֶען אַז אִיךְ גֵייא טַאקֶע הַיינְטִיגֶע נַאכְט זֶעהֶען אַמוֹיד וָואלְטִין שׁוֹין גֶעפְלוֹיגִין דִיא בֵּיינְקְלַאךְ פוּן דֶעם נוּמֶער מִיר אִין קָאפּ אַרַיין .

אִיךְ בִּין שְׁטַארְק צוּפְרִידֶען גֶעוֶועען דֶער פוּן וָואס אִיךְ קָאן מִיךְ הַיינְטִיגֶען אָבֶענְד אָבְּטְשֶׁעפֶּען פוּן מַיין בַּאשֶׁערְטֶער אוּנ פֶּערְבְּרֵיינְגֶען פֶערְגֶענִיגְט אֵיין אָבֶענְד אִין ווארשויא , אוּנ ווִיא דֶער זֵיינֶער הָאט גֶעשְׁלָאגִין זֶעכְּס הָאבּ אִיךְ אִיהר גֶעמֶעלְדֶעט אַז

ספּאזמעם איךְ

איך גייא וועגין דיא אנווייזונגען אונ בין טאקע גלייך אוועק גיגאנגען אין עלדאראדא .

ג

איך פיהר דעם חתן

איך האב מיין פריינד קנאפפטאן שוין געטראפען אין עלדאראדא אין גארטען , ער איז גיוועזען פערפוצט וואטש פיהר איהם שוין צוא דער חופה , אין אשווארצין פראק ווייסע האנדשיה אויך אוויסין זשילעט , אונ דער קראגען פון העמד וואר אזויא גרויס אונ שפיצעכיג אז ער האט מיט דיא צווייא שפיטצען דיא אויגען ניקאנט אויסשטעכין , אויפין קאפ האט ער גיטראגין אהויכין שפאגעל נייעם צילענדער הוט , אונ אויף דער גראבער רויטער נאז האט געריטען אנאלדענער פאנסנע , ער איז גיזעסין נעבען אטישעל אונ האט מיט אגליקליכע מינע פון אחתן געטרונקען ביר .

טי זדיעס סאמסאן ? בראוואָ ! — האט ער אנגעשרייא געטאהן מונטער אלס ער האט מיך דער זעהן — יעצט זעה איך אז דוא ביזט טאקע אגוטער ברודער , זיטץ איך וועל הייסען דערלאנגען ביר .

איך האב מיך גיזעצט , מען האט מיר אונטערגיטראגען אקופעל ביר , אונ איך האב מיך גיווענדעט צוא מיין חתן מיט דער פראגע : יעצט קאנסט דוא מיר ערצעהלען פאדראבנע וועגין דיין שידוך .

דא איז גאר ניטא וואס צוא ערצעהלען — האט ער גיענטפערט — אטשען פראסטא , מען רעט מיר אשידוך , אונ מען האט מיט מיר באשטעלט איך זאל היינט בייא נאכט קומען זעהן דיא כלה .

דוא הָאסְט זִיא נָאךְ נָאר נִיט גִיזָעהֶען ?

וָואט וָואפְּרָאם ? — הָאט עֶר גֶעלַאכְט — וֶוען אִיךְ זָאל זִיא שׁוֹין קֶענֶען בַּאדַארְף אִיךְ דָאךְ דִיךְ נִיט הָאבִּין דוא זָאלְסְט מִיר זָאגִין מְבִינוֹת .

וֶוער זְשֶׁע רֶעט דִיר דֶעם שִׁידוּךְ .

דוא וֵוייסְט נִיט וֶוער עֶס רֶעט אַשִׁידוּךְ ? מְכְתָּמָא אַשַׁדְכָן זְשִׁידָאק-קַאקָאי טָא .

וָואס זְשֶׁע הָאסְטוּ מִיר גִיזָאגְט אַז דִיא כַּלָּה אִיז אַזֶעלְטֶעְנֶ- הַייט , פוּן וַואנֶען וֵוייסְטוּ אַז זִיא אִיז אַזַא זֶעלְטֶענְהַייט ?

אִיךְ הָאבּ זִיא גִיזֶעהֶען פוּן וַוייטֶען אִין גַאס גֵייעֶנְדִיג , אִי אָפִּיַאט טֶעבֶּיֶע גָאוָוארְיוּ אַז דָאס אִיז אַמֵיידִיל אַזֶעלְטֶענְהַייט , שֵׁיין קַאק לוּנַא גְעֶבֶּעסְנַאיַא .

נוּא אוּנ דָארְט וֵוייס מֶען שׁוֹין אַז דוּא וֶועסְט הַיינְט בַּייא נַאכְט דָארְט זַיין ?

קָאנֶעצְנָא ! מֶען וַוארְט שׁוֹין דָארְט גֶעוִוים אוֹיף מִיר , זֵייא ווִילֶען נָאר הֶערִין אוֹיבּ מִיר גִיפֶעלְט וֶועט נָאךְ הַיינְט בַּייא נַאכְט זַיין תְּנָאִים .

זֵייא קָאנֶען דִיךְ דֶען ? זֵייא הָאבֶּען שׁוֹין מִיט דִיר גִירֶעט ?

נֵיין זֵייא הָאבִּין מִיךְ נָאךְ אֲפִילוּ אִין דִיא אוֹיגִין נִיט גִיזֶעהֶן , זֵייא הָאבֶּען נָאר גִיהֶערְט פוּן מִיר , אִי אָנִי וְסְיֶע סָאגְלַאסְנִי .

מִיר הָאבִּין אֲפִילוּ דִיא וֶוערְטֶער נִיט גֶעשְׁמֶעקְט , דֶען נִיט וִוילֶענְדִיג הָאבּ אִיךְ אַקוּק גֶעטָאהן אוֹיף זַיין שְׁרֶעקְלִיכֶער נָאז אוּנ אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּא צִיטֶערִין אַז דִיא נָאז וֶועט נִיט אַזוֹי שְׁטַארְק נוֹשֵׂא חֵן זַיין בַּייא דֶער כַּלָּה אוֹיךְ נִיט בַּייא דִיא מְחוּתָּנִים .

וואוּ זְשֶׁע אִיז דֶער שַׁדְכָן ? הָאבּ אִיךְ אִים גִיפְרֶעגְט .

וָואצוּ טוֹיג דִיר דֶער שַׁדְכָן ? וָואס אִיז אָהן אִיהם וֶועלִין מִיר אַהִין נִיט טְרֶעפִין ?

עס מאכט ניט אויס, איך וויל זייער זיך פריהער זעהען מיט דעם שדכן, איך מוז מיט איהם ריידען, איך מוז הערען וואס איז דארט פאר אשידוך, און וואס פאר מעלות ער האט דארט אויף דיר אויס גירעכינט, מיר זאלין דארט פערשטייסטו מיך ניט בלייבען קיין נאראנים.

נוא אויב דוא ווילסט ניעפרעמענא זעהען דעם שדכן קאן מען דאס דאקאזיען.

וויא אזויא?

איך וועל דיא מינוט נאך איהם שיקן, ער וואוינט ניט וייט פון דאנען און ער וועט סעי טשאס קומען אהער אין עלדאראדא.

שיק איהם טאקע רופען.

קנאפפמאן איז אויפגעשטאנען פון זיין ארט, איז צוגעגאנגן צוא איינעם פון דיא בעדינטע וואס לויפין ארום אין גארטן, האט איהם עפעס געזאגט, און האט איהם אויך אמטבע גיגעבין און דער בעדינטער איז באלד אוועק געלאפין.

עס האט ניט גיווערט קיין פירטעל שטונדע איז אין גארטין אריינגעקומען איודעל געקליידעט נאך דעם עכטין חסידעשען זשורנאל, נאר זיין קאפאטע וואר אין עטליכע ערטער צוריסען און דורך דיא צעריסענע שיך האבין זיך שווארצע שמוציגע זאקין ארויס גיזעהען, אונטער דער היטעל האט ער געטראגען איין יארמעלקע.

דאס איז מיין שדכן רבי חיימצע האפטשיק — האט קנאפפמאן צוא מיר געזאגט.

איהר האט מיך געשיקט רופען הערר קנאפפמאן? — האט דער שדכן געפרעגט.

יא רבי חיימצע — האט קנאפפמאן גיענטפערט — דער מענטש איז פון מיין שטאט מיינער אגוטער ברודער, ער וועט

מיט מיר באלד גיין זעהן דיא כלה וואס איהר רעט מיר, וויל ער מיט אייך פריהער עפעס ריידין.

דאס יודעל האט מיר אריינגערוקט אבריימין שלום עליכם, אונ האט געזאגט ראשית מיין גנאדיגער האר וויל איך וויסען מה שמך וויא הייסט איהר.

איך הייס מען זאל אייך מכבד זיין מיט אקופעל ביר — האב איך לאבענד גיענטפערט.

נוא נוא זאלט איהר געזונד זיין גילעבטער אן אזייט — האט דר שדכן אויך לאבענד גיענטפערט — איהר מיינט אז איך בין פון דער אלטער וועלט מאג מען שוין פון מיר לאבען, גישקאשע חלעבין איהר קוקט אן דיא יארמעלקע, דוכט זיך זיא איז פערשמאלצעוועט, אבער גלויבט מיר אז זיא האט אין זיך אזויא פיל שכל וואס איהר וועט דאס ניט געפינען אין קיין קאפעלוש אונ אין קיין צילענדער הוט, נוא הכלל איהר זאגט מיר אייער נאמען?

מיין נאמען איז סאמסאן פעדערהארץ.

איהר האט שוין אווייב?

וואס איז איהר ווילט מיר ריידין אשידוך?

אויב איהר האט קיין ווייב ניט מאך איך אייך נאך היינט ביא נאכט חתונה מיט אכלה וואס צייט כלות זיינען כלות איז נאך אזעלכעס ניט גיוועזן.

צום אונגליק האב איך אווייב מיין ליבער רבי חיים — האב איך גיענטפערט.

צוא פאר אייך איז דאס אנ׳אונגליק צוא ניט וויים אייך דער גוטער יאהר — האט דער שדכן גיענטפערט — נאר פאר מיר איז דאס געווים קיין מעלה ניט, אזעלכע שיינע יונגע לייט וויא איהר זענט איז ביא מיר היינט גאלדענע סחורה.

ווארפט איך בעט אייך אוועק דיא איבעריגע רייד — האב איך געזאגט — ערצעהלט מיר בעסער וועגין דעם שידוך וואס

אִיהר רֶעט מַיין פְרַיינְד קנאפפמאן, וָואס אִיז דֶער מְחוּתָּן פַאר אַמֶענְטְשׁ וָואס אִיז זַיין גֶעשֶׁעפְט וָואס אִיז דָארְט פַאר אַכַּלָה אוּנ וויפִיל גֶעלְד גִיט ,ער.

דֶער מְחוּתָּן אִיז אַפַיינֶער יוּד נָאר אַבִּיסָעל גֶעהַאפְט אִין דֶער מַעֲשֶׂה ס'הֵייסְט נִיט אַזוֹיא פְרוּם, נָאר פַאר אַזֶעלְכֶע הַיינְט-וֶועלְטִיגֶע יוּנְגֶע מֶענְטְשִׁין וְויא אִיהר זֶעגְט אִיז דָאךְ דָאס אַמֶעלָה, זַיין גֶעשֶׁעפְט אִיז הִיטְלֶען מִיט קַאפֶּעלוּשֶׁען, ,ער הַאלְט דֶער פוּן אַקְרָאם, הַלְוַאי זָאל אִיךְ אַצֶעהנְטִיל פֶערְמָאגִין וָואס זַיין גִישֶׁעפְט בַּאטְרֶעפְט.

ס'הֵייסְט ,ער אִיז אַקִירְזְנֶער ? — הָאבּ אִיךְ גִיפְרֶעגְט.

חָלִילָה, ,ער אִיז אַמָאהל גֶעוֶוען אַקִירְזְנֶער אָבֶּער נִיט הַיינְט, הַיינְט זִיטְצֶען בַּייא אִיהם אַרְבֵּייטֶער אוּנ מֶען אַרְבֵּייט אוֹיף טִישׁ אוּנ אוֹיף בֵּיינְק, נוּא אוּנ וֶועגִין דֶער כַּלָה אִיז גָאר נִיטָא וָואס צוּא רֵיידֶען, דָאס אִיז אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה מִיט דִיא בֵּיינֶער, וְויא אִיךְ בִּין אַיוּד אַז וֶוען מֶען טוּהט אִיהר אָן אַקְרוֹין וָואלְט זִיא פֶערְלַייכְט דִיא וֶועלְט, נָאר וָואס טוֹיג אַייךְ דִיא אַלֶע זַאכִין, אִיהר וֶועט דָאךְ דָארְט זַיין וֶועט אִיהר זִיא זֶעהֶען, וָואלְט אַזוֹיא דֶער חָתָן אִיהר גִיפֶעלִין וְויא זִיא וֶועט דֶעם חָתָן גִיפֶעלִין.

וָואס ? ,עס אִיז אַסְבָּרָא אַז דֶער חָתָן וֶועט דֶער כַּלָה נִיט גִיפֶעלִין ? — הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט — אוֹיבּ אַזוֹיא וֶועלִין מִיר נָאר אַהִין נִיט גֵיין.

דֶער שַׁדְכָן הָאט מִיךְ אֵיינִיגֶע מִינוּטֶען אָנְגֶעקוּקְט, אוּנ אִיךְ הָאבּ גִיזֶעהֶען וְויא זַיין פָּנִים אִיז ,עפֶּעס שְׁטַארְק פְרֵיילִיךְ גֶעוָוארֶען, ,עס וַואר לַייכְט צוּא ,ערְקֶענֶען אַז אַגְלִיקְלִיכֶער פְּלַאן אִיז אִיהם אִין קָאפּ אַרַיינְגֶעפַאלֶען.

וָואס הָאט אִיהר זִיךְ פֶערְטְרַאכְט רבי חיים ? — הָאבּ אִיךְ אִיהם גֶעפְרֶעגְט.

זָאגְט מִיר רבי סאמסאן אִיהר גֵייט אוֹיךְ אַהִין ? — הָאט ער גֶעפְרֶעגְט.

אויב עס איז אספק צוא דער חתן וועט גיפעלין גייען מיר בײדע ניט .

ווער זאגט אייך דען אז עס איז אספק גאט איז מיט אייך — האט דר שדכן גיענטפערט — ער וועט געוויס גיפעלין , ביי מיר איז נאר קיין היכא תמצא ניט אז ער וועט גיפעלען , איך וועל מיך לאזען דעם קאפ אבשניידען אויב ער וועט ניט גיפעלין .

נוא אויב אזויא גייען מיר .

געהט געזונטער הייט אין אגוטער מזלדיגער שעה — האט דער שדכן העכסט ערפרייט געזאגט , וויא זאגט איהר רופט מען אייך רבי אדאלף פעדערקראץ .

ניין פעדערהארץ , וואס פרעגט איהר אזויא נאך אויף מיין נאמען ?

גלאט אזויא אין דער וועלט אריין , הערט זשע יודען ! איהר זיצט דא נאך אביסעל אונ איך וועל גיין וואס גיכער דארט אנזאגין מען זאל זיך אויף אייך ריכטען ווארעם איהר וועט באלד קומען .

גייט אייך געזונדער הייט ! — האב איך גיענטפערט — נאר געדיינקט אונזער גאנג זאל ניט זיין אומזאנסט , אונ מיר זאלין קיין חרפות ניט האבין .

מאכט זיך איך בעט אייך ניט נארעש — האט דער שדכן גיענטפערט — דארט וואו איך בין אשדכן גייט מען ניט אומזיסט אונ מען האט קיין חרפות ניט .

אונ מיט דיא ווערטער איז ער אוועק גילאפין .

נוא וואס זאגסטו איצט האט מיך קנאפפמאן געפרעגט .

וואס זאל איך זאגען , מיר וועלין זיין דארט וועלין מיר שוין אלץ וויסען .

הער זשע ברודער סאמסאן — האט קנאפפמאן געזאגט — יא וואס צטא טעביא פאפראשו , דוא ווייסט דאך אז איך בין אין אפרעמדער גזעלשאפט אגעהרגעטער מענש , אהן אצונג

און אָן לײב און לעבּין, בּעט איך דיך אַז דוא זאָלסט שוין פֿאַר מיר אויך בּיידין, רייד מיט דער כּלה און דוא זאָלסט מיר זאָגין צטאַ אָנאַ איז זיא אַקלוגע אַגעבּילדעטע, גיצעוואַ אויף דיר מאָג איך מיך אין גאַנצין פֿערלאָזין, און דוא מאָגסט טאָן וואָס דוא ווילסט, טאָ יעסט דוא מאָגסט זאָגין אַז דער שידוך איז גיענדיגט אויב דוא וועסט געפֿינען אַז פֿאַר מיר איז דאָס גוט.

מסתּמא וועל איך זעהן טאָהן פֿון דיינט וועגין וויא פֿאַר זיך אַליין — האָבּ איך גיענטפֿערט.

אין אַהאַלבּע שטונדע אַרום זיינען מיר בּיידע אַוועק גיפֿאָרין צוא דעם מחותּן.

ד

פֿון דער סעודה צוא דער דורע

הערמאַן פֿאַלקענבּילד דאָס איז דער מחותּן צוא וועלכין איך מיט קנאַפּפּמאַנען זיינען יעצט גיגאַנגען, וואַר אַמאָהל אַקירזשנער אין אַקליין פּאָלניש שטעטיל, דורך אַצופֿאַל איז ער געקומען אין וואַרשויא, און דאָ האָט ער פֿון זיין אַרבּעט אָנגעהויבּין צוא פֿערדינען היבּש געלד, ער האָט געמאַכט אַגעשעפֿט פֿון היטלען און איהם איז דאָס זייער גליקליך אַוועק גיגאַנגען, ער האָט געלעבּט נאָר אויף דער בּרייטער פֿוס כּמנהג האַריסטאָקראַטין, בּייא איהם אין וואָהנונג איז שוין געשטאַנען אַווייכער גאַרניטער מעבּיל מיט אַפּיאַנאָ, און געקליידעט איז ער מיט זיין פֿאַמיליע אימער געגאַנגען וויא דיא פּירשטען, אין שטוב בּייא איהם האָט מען גירעט מעהר פּאָלניש אַלס יודיש, און זיין ווייבּ וועלכע איז אויך אַהיינטמאָדישע דאַמע געוואָרין האָט בּייא זיך זאָגאַר איינגעפֿיהרט אַפּאָלנישע טריפֿה קיך וואו עס האָבּין זיך זייער אָפֿט גיפֿרעגילט דיא קליינע פֿאַרעשאַטקעלאַך (חזירים׳ליך) אין פּוטער.

מִיר, ס'הֵייסְט אִיךְ מִיט קנאפפמאנען, הָאבִּין גִיטְרָאפִּין קוּמֶענְדִיג אַהִין אַלֶע צִימֶער זַייֶער שֵׁיין בֶּעלַייכְטֶעט, אִיבֶּערַאל אִיז גִיוֶוען לִיכְטִיג אוּנ צִיכְטִיג, דֶער ווִירְטָה מִיט דֶער ווִירְטֶהִין אוֹיךְ דִיא כַּלָה הָאבֶּען אוּנְז זַייֶער פְרַיינְדְלִיךְ עֶמְפְפַאנְגֶען אַלְס מִיר הָאבֶּען זִיךְ פָארְגֶעשְׁטֶעלְט מִיט אוּנְזֶערֶע נֶעמֶען.

דִיא כַּלָה וַואר שׁוֹין אַמוֹיד פוּן אַיָאהר 25 אַהוֹיכֶע דִיקֶע גֶעזוּנְדֶע פֶּערְזָאן אוּנ גָאר נִיט קֵיין מִיאוּסֶע, זִיא הָאט גֶעהַאט אִין בֵּיידֶע בַּאקֶען אַפָּאר חֵן גְרִיבֶּעלַאךְ וָואס הָאבִּין אִיהר ווִירְקְלִיךְ זַייֶער סִימְפַּאטִישׁ גֶעמַאכְט, זִיא הָאט אוּנְז בַּאגֶעגִינְט נִיט וִויא אַקְלֵיינְשְׁטֶעטִילְדִיגֶע שֶׁעמֶענְדִיגֶע כַּלָה, נָאר וִויא אַהֶעלְדִין, בַּייא דֶעם עֶרְשְׁטִין גֶעשְׁפְּרֶעךְ הָאט זִיא גִיעֶפִינְט אַפִּיסְק וָואס הָאט גִירֶעגִינְט מִיט פֶּעךְ אוּנ שְׁוֶועבִּיל, זִיא הָאט אוֹיךְ זַייֶער אָפְט גֶעטָאן אַזַא לַאךְ וָואס הָאט אַקְלוּנְג גֶעטָאהן אִיבֶּער דֶעם גַאנְצִין זַאל אוּנ הָאט מִיר פֶערְהִילְכְט דִיא אָהרֶען.

דוּא זֶעהסְט וָואס פַאר אַשֵׁיינְהַייט דָאס אִיז? — הָאט מִיר קנאפפמאנן אַשׁוּשְׁקֶע גֶעטָאהן אִין אוֹיֶער — רֵייד גָאר מִיט אִיהר אוּנְטֶער פִיהר אוֹיגִין אוּנ זֶעה צוּא אִיז זִיא עֶפֶּעס גֶעבִּילְדֶעט אוּנ צוּא אִיז זִיא קְלוּג.

אִיךְ הָאבּ מִיךְ צוּא גֶעשַׁארְט צוּא דֶער כַּלָה, הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבִּין מִיט אִיהר צוּא רֵיידֶען, אוּנ זִיא הָאט זִיךְ בַּאלְד צוּנֶעקְלֶעפְּט צוּא מִיר וִויא אַפִּיַאוְוקֶע.

אִיהר זֶענְט אַלֵיין נִיט קֵיין הִיגֶר? — הָאט זִי מִיךְ גִיפְרֶעגְט.

נֵיין אִיךְ בִּין פוּן אַקְלֵיין שְׁטֶעטִיל.

אָהָא — הָאט זִיא גֶעלַאכְט — אַייֶערֶע קְלֵיינְשְׁטֶעטִילְדִיגֶע גֵייֶען שׁוֹין בַּאלְד אִיבֶּער אוּנְזֶערֶע ווארשעווער.

מִיט וָואס גֵייֶען זַייא דָאס אַייךְ אַזוֹיא אִיבֶּער?

אִיךְ זֶעה דָאךְ אָן אַייךְ אִיהר זֶענְט אַקְלֵיינְשְׁטֶעטֶעלְדִיגֶער אוּנ מִיא קָאן דָאס אָן אַייךְ נִיט עֶרְקֶענֶען, אִיךְ וָואלְט קֵיין מָאהל גֶעזָאגְט אַז אִיהר זֶענְט פוּן אַקְלֵיין שְׁטֶעטִיל.

איך דאנק פאר דעם קאמפלימענט מאדמאאזעל — האב איך לאכענד געזאגט.

דאס איז ניט קיין קאמפלימענט דאס איז דיא ריינע װארהייט, איהר זענט שוין לאנג דא?

זיין נור צװייא טעג.

װאו קװארטירט איהר?

אין האטעל דע נארד, נומער 6.

איהר האט דא עפעס געשעפטע?

ניין איך פאהר נאר דורך אייער שטאט.

אבער אין אייער שטאט האט איהר עפעס אגישעפט?

יא, איך האב דארט אגרויסין באקאליינעשעפט דאבייא אויך אװיינהאנדעל.

און אייער געשעפט גייט אייך גוט?

זייער גוט הלװאי װייטער ניט ערגער, נאר פון דעסט װעגען בין איך אונצופרידען, װייל אין אקליין שטעדטיל קאן מען ניט האבען דיא פערגעניגען װאס אין אגרויסער שטאדט, און דערפאר בין איך אייך מקנא איהר מוזט דא דיא צייט זייער גוט צו ברייגען?

יא ניט צו פערזינדיגען, איך פערברייננ דא דיא צייט זייער גוט, איך בעזוך אפט דאס טהעאטער, דאס אפפערנהויז, דיא קאנצערטע, נור פון דעסט װעגען איז אלץ ניט רעכט פריילין.

װאס הייסט ניט רעכט פריילין? װארום?

זייער איינפאך, אין דיא אלע ערטער װאס איך האב אייך אויסגירעכינט איז גוט צו גיין אין צװייען, איינער אליין איז זייער אונמוטהיג.

נוא האט איהר דען קיין פריינדינען ניט מיט װעמען צו גיין.

ספאזמעם

אפריינדין

אפריינדין מיט אפריינדין אז זייא גייען ספאצירען איז פונקט וויא מיא זאל עסין ברייט מיט ברייט.

מיר איז דער אנטוואורט שטארק ניט גיפעלען, נאר איך האב דער כלה בן גיוועין לכף זכות, זיא איז אהיינטוועלטיגע פריילין — האב איך זיך געקלערט — איז זיא ניט שעמענדיג, אבער פאר אמאן קאן זיין וועט זיא זיין זייער אנעטרייע גוטע פרויא.

איך האב מיט איהר פערבראכט בייא אגאנצע שטונדע, אונ דער פערפוצטער חתן איז געזעסין אין אווינקעל אליין אונ האט גערויכט אציגאר.

יא איך האב נאר פערגעסען צוא ערציילין אז דער שדכן רבי חיימקע האפציק איז אויך דא גיוועין, ער איז ארומגענאנגען מיט דעם מחותן, אונ האט עפעס מיט פייער נעטענה'ט, ענדליך איז ער צוא געגאנגען צוא מיר האט מיר געזאגט אויפן אויער: רבי סאמסאן דיא נאכט שטייט ניט מאכט אנ'ענדע אהער אדער אהין.

אבער צוא ווייסט איהר געווים אז דער חתן איז גיפעלען דער כלה? — האב איך איהם געפרעגט.

דאס איז שוין מיין גישעפט, איך וויל וויסען פון חתנים צד צוא איז ער פערטיג.

איך וועל מיט איהם איבעררייידען — האב איך גיענטפערט.

איך האב גיבעטען דער כלה אום ענטשולדיגונג אונ בין צוגעגאנגען צוא מיין חתן.

נוא סאמסאן וואס זאגסטו? — האט ער מיך געפרעגט.

וואס זאל איך זאגען, דיא כלה איז ניט קיין נאר, זיא איז עטוואס געבילדעט אויך, נוא אונ איהר שיינקייט זעהסטו דאך אליין טוא וויא דוא ווילסט.

מיר איז דער שידוך זייער גיפעלען — האט ער גיענטפערט, ווא מאגסט ענדיגען.

וואס עפעס איך זאל ענדיגען ? וואו ביזטו אין דער וועלט ?

עטא וסיא ראוונא דוא צוא איך, מאנסט פון מיינט וועגען מקבל קנין זיין , נאר ניט שרייבען קיין תנאים , ווייל סיא באדארף דאך דער כלה צוגרייטען אמתנה צוא דיא תנאים .

זאל איך זאגען אז דוא ביזט צופרידען פון דעם שידוך ?

יא דוא מאנסט דאס זאגען .

איך האב צוגערופען דעם שדכן אונ האב איהם געזאגט אז פון חתנס צד איז קיין מניעה ניט , דער שידוך איז גיענדיגט .

דער שדכן איז אוועק געלאפען האט עפעס גירעט מיט דיא מחותנים , אונ באלד איז צוא אונז צוא געגאנגען דער מחותן דיא מחותנתטע דיא כלה , מיר האבין זיך דיא הענד געדריקט אונ זיך געוואונטשען מזל טוב , מיין חתן האט דרייא מאהל אהוסט געטאהן אלס ער האט דער כלה דיא האנד געגעבען אונ האט איהר געזאגט מזל טוב, מיט דעם מחותן האט ער זיך הערצליך געקושט .

מיא האט געדעקט אטיש אונ מיא האט ארופגעטראגען פון כל טוב , מיר האבען אוים געליידינט עטליכע בוטעל שאמפאניער אונ האבען געטרונקען לחיים אונ זיך אפשר פירציג מאהל געוואונטשען גליק .

ווען קלערט איהר זאל זיין דיא תנאים — האט מיך דער מחותן געפרעגט .

פון מיינט וועגען חאטש מארגען .

נוא זאל זיין מארגען — האבען אלע איינגעשטימט , צווישען זייא אויך דער חתן .

מיר זיינען דא גיזעסען ביז האלבע נאכט , נאכהער האבין מיר זיך זייער פריינדליך געשיידט , האבען זיך געקושט מיט דעם מחותן , אונ זיינען בשלום אוועק געגאנגען .

נוא אדאנק גאט ! — האט מיר אויפן ווענ קנאפמאן

געזאגט — דער שידוך איז איבער אלע מיינע ערווארטונגען, איך בין זייער צופרידען וואס דוא ביזט דא געוועזען, אהן דיר וואלט דא גאר גישט געווארין, סלאווא טעביע האספאדי איך בין איבער גליקליך.

אבי דוא ביזט גליקליך פרייט דאס מיך זייער — האב איך גיענטפערט.

אונ וואס זאגסטו וויא דער מחותן איז צופרידען — האט קנאפפמאן געזאגט — דוא האסט חאטש גיזעהן וויא ער האט שוין בעצאהלט דעם שדכן זיינע שדכנות?

ניין איך האב דאס ניט גיזעהען;

אונ איך האב דאס יא גיזעהען, ער האט איהם געגעבען שיינע עטליכע רובעל.

זאל איהם וואויל בעקומען, דאס איז זיין פרנסה, נוא דער ווייל אגוטע נאכט קנאפפמאן, מארגען אויף דיינע תנאים זאלסט דוא פערבעטען מיך מיט מיין ווייב, דען מארגען ווייס איך ניט צוא וועל איך קאנען געפינען אזא תירוץ זיך אבצורייסען פון איהר.

איך וועל שוין מארגען זיין בייא דיר — האט ער גיענטפערט, אגוטע נאכט גייא געזונד.

מיין ווייב האט מיך שטרענג געפרעגט וואו איך בין גיוועזען ביז האלבע נאכט, איך האב איהר געזאגט אז מיא האט מיך פערהאלטען דארט בייא דיא מענטשען בייא וועלכע איך בין גיוועזען מיט דיא אנווייזונגען, זיא האט אבער פערשטאנען אז איך האב זיא גענארט, אונ זיא האט מיר שוין דיא צווייטע האלבע נאכט פערדולט דעם קאפף מיט איהרע קללות אונ זלזולים.

ה

אַשְׁרֶעקְלִיכֶער בֶּעווּךְ

אויף מָארְגֶען אוהר 12 אַלְס אִיךְ בִּין אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען אִין דֶער גַאס זִיךְ זֶעהֶען מִיט מַיין קָאמִיסְיָאנֶער אוּנ מַיין מְהַייֶערֶע זִיסָע יעקאטערינא פאוולאוונא אִיז גֶעזֶעסֶען אִין נוּמֶער אוּנ הָאט זִיךְ גֶעבְּרָאכֶען דֶעם קָאפּ וָואס זִיא זָאל נָאךְ עֶפֶּעס קוֹיפֶען אֵיידֶער זִיא פָאהְרְט אַרוֹיס פוּן וַוארְשׁוֹיא, הָאט אִיהר דֶער בֶּעדִינְטֶער פוּנ׳ם הָאטֶעל גֶעמֶעלְדֶעט אַז צְוַוייא פְרוֹיעֶן פְרֶעגֶען זִיךְ אויף סאמסאן פעדערהארץ.

עֶפֶּעס פְרוֹיעֶן פְרֶעגֶען זִיךְ אויף אִיהר מַאן, דָאס אִיז מַיין ווייב שְׁטַארְק נִיט גֶעפֶעלֶען גֶעוָוארִין אוּנ זִיא הָאט גֶעהֵייסֶין דֶעם בֶּעדִינְטֶען עֶר זָאל זֵייא אַרֵיינְבֶּעטִין צוּא אִיהר.

אִין צִימֶער זַיינֶען אַרֵיינְגֶעקוּמֶען דִיא מַאדַאם פאלקענבילד (דִיא גֶעכְטִינֶע מְחוּתֶּנֶתְטֶע) מִיט אִיהר טָאכְטֶער דִיא כַּלָה.

נִיט אִין דֶעם נוּמֶער שְׁטֶעהט אַיין דֶער הֶערר פעדערהארץ — הָאט דִיא מְחוּתֶּנֶתְטֶע גֶעפְרֶעגְט בַּייא מַיין פְרוֹיא אַלְס זִיא אִיז מִיט דֶער טָאכְטֶער אַרֵיין גִיגַאנְגֶען אִין צִימֶער.

וָואס בַּאדַארְפְט אִיהר דֶעם הֶערר פעדערהארץ ? — הָאט מַיינֶע פְרוֹיא גֶעפְרֶעגְט.

עֶר אִיז מַיין טָאכְטֶערְס חָתָן — הָאט דִיא מְחוּתֶּנֶתְטֶע גִיעֶנְטְפֶערְט — בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען מִיט דֶער כַּלָה גֶעוָואהר וֶוערֶען אַבִּיסֶעל צוּא אִיהם.

וֶוער אִיז אַייֶער טָאכְטֶערְס חָתָן ? — הָאט מַיין עקאטערינא עֶרְשְׁרָאקֶען גֶעפְרֶעגְט.

וָואס הֵייסְט וֶוער, אִיךְ זָאג דָאךְ אַייךְ אַז דֶער הֶערר סאמסאן פעדערהארץ אִיז מַיין טָאכְטֶערְס חָתָן — הָאט דִיא מַאדַאם פאלקענבילד גִיעֶנְטְפֶערְט.

אִיהר מוּזְט אַטְעוּת הָאבִּין לִיבֶּע פְרוֹיא.

וואס הייסט אטעות , איך האב קיין טעות ניט, ער האט אונז אויסדריקליך געזאגט אז ער שטייט איין אין האטעל דע נארד נומער .6 .

יא דא שטייט טאקי איין כאטסאן פעדערהארץ, אבער וויא אזויא איז ער אייער טאכטערס חתן ?

דיא פראגע פארשטייא איך נאר ניט — האט דיא מחותנתטע שוין אויפגערעגט געענטפערט — איר ווייסט ניט וויא אזויא מיא איז אחתן , אז מען האט אכלה איז מען אחתן .

ווען איז פעדערהארץ געווארען אייער טאכטערס חתן ?

ערשט נעכטיגע נאכט , קיין תנאים האבין מיר נאך אפילו ניט געשריבען , נאר אזווארט אונ אהאנדשלאג זיינען יא געווען .

ווען זאגט איהר ? נעכטין בייא נאכט ? — האט מיין פרויא געפרעגט אונ איז בלאס געווארין וויא דער טויט .

יא נעכטין בייא נאכט .

דאס איז ער בייא אייך געזעסין אזויא שפעט ?

עס פארשטייט זיך אז בייא מיר , מען האט דאך באדארפט אלעס דורך ריידען אונ קומען צוא אסוף , היינט האבין מיר זיך מישב געווען עס פאסט אפילו ניט אכלה זאל גיין צוא אחתן אין אהאטעל נאר מיין טאכטער זאל געזונד זיין בייגקט שוין נאך אים , זיא איז פערשטייט איהר מיך אהיינטוועלטיגע מיידעל זאגט זיא אז מיט אמאמען שאדעט ניט צוא גיין אפילו אין אהאטעל , האב איך איהר צוליב געטאן אונ בין מיט איהר געגאנגען , ווער זענט איהר מאדאם זיינע עפעס אנ׳איינגענע ?

אז מיין עקאטערינא האט דעם שלאג ניט בעקומען הערענדיג אזעלכע ווערטער איז זיא נאר פון אייזען געקנאטען . זיא האט זיך אבער געמאכט האריץ אונ האט געענטפערט : ער וועט באלד אריינגיין , זיצט אביסעל איך וועל איהם שיקין רופען .

דיא מחותנתטע מיט דער כלה האבין זיך געזעצט אונ מיין פלוניתטע האט געשווינד געשיקט דעם משרת צוא מיין

קאמיסיאנער מיר אנזאגען איך זאל דיא מינוט קומען אהיים .

דער משרת האט מיך טאקע געטראפען ביא מיין קאמיסיאנער , ער האט מיר געזאגט אז צוויא פרויען ווארטען אויף מיר אין דער היים , אונ מיין ווייב האט אנגעזאגט איך זאל וואס גיכער קומען .

איך האב אפילו ניט פערשטאנען וואס דאס בעדייט , נאר עס איז דאך קיין תירוץ ניט אז מען באדארף מיך אזויא נייטיג מוז מען דאך גיין .

מיין ווייב האט דער וויל ביא דער מחותנתטע מיט דער כלה אויסגעפרעגט וויא אזויא איך בין זייער חתן געווארען , אונ וויא דער שידוך איז צוגעגאנגען , זייא האבען איהר ערציילט אז אשדכן האט זייא פאר נאכט פאר געלייגט אשידוך מיט איינעם סאמסאן פעדערהארץ איונגער מאן אגרויסער סוחר , אונ טאקע אין אהאלב שעה ארום איז דער סאמסאן געקומען מיט זיינעם אגוטען פריינד , ער האט מיט דער כלה גירעט , זיא איז איהם גיפעלין געווארען אונ ער האט מסכים גיוועןן צוא דעם שידוך, מען האט דער וויל אוואָרט מיט אהאנדשלאג געמאכט , אונ עס איז געבליבען אז היינט ביא נאכט זאל זיין דיא מזלדיגע תנאים .

אונ אין מיטין דער ערצעהלונג בין איך אריינגעקומען .

מזל טוב דיר חתן ! — האט מיין יעקאטערינא אגעשרייא געטאן אלס זיא האט מיך דער זעהן — דיין כלה מיט דיין מחותנתטע ווארטען דאך שוין דא אויף דיר אפשר דרייא שעה .

איך האב זייא אלע אנגעקוקט וויא אהאן אין בני אדם .

דיא כלה איז צוא מיר צוגעלאפען מיט אפריינדליכען שמייכעל אונ האט מיר רייכענד דיא האנד געזאגט באן זיור מאסייא פעדערהארץ .

זיא האט נאך ניט דערלעבט מיין האנד אנצונעהמען אונ מיין יעקאטערינא האט זיך צוא איהר מיט אווילדען פנים אלאז געטאן אונ האט אגעשרייא געטאהן . אוועק חצופה פון מיין

ספאומעס מאן

מאן ! איך וועל דא פון אייך ביידען מאכין אבארג אש .

און טאקע באלד איז זיא אריינגעפלויגין מיט דיא הענד צוא דער כלה אין דיא צעפ אריין .

דיא כלה האט געמאכט אגוואלד , און איך מיט דער מחותנתטע האבין גענומען מיין פרויא אברייסען פון דעם אונגליקליכען מעדכען , מיר האבין זיא קוים אבגעריסען , דיא כלה מיט דער מוטער זיינען אנטלאפין געווארען , און מיין יעקאטערינא האט זיך צוגעהאפט צוא מיר מיט אלע כלים , „אחתן וועסטו ווערין ?" האט זיא ניט מיט איהר קול געשריען דראפענדיג מיר דאס פנים און בייסענד מיך מיט דיא ציין וויא אהונד , „איך וועל דיר ווייזען וויא אזויא אחתן צוא ווערין"

איך בין שוין פון געדולד ארוים און האב מיין משוגענער ווייב מכבד גיווען מיט אפאר פיינע פעטש , זיא האט געמאכט אזעלכע גיוואלדען מיט אזעלכע יאמערען אז מיא איז פון אלע נומערן אויף אונזער ביין וואונדער צוזאמענגעלאפין .

נאר פלוצים האט מיין יעקאטערינא אין מיטען געוויין זיך פונאיינאנדער געלאכט , און איז געפאלען קראפטלאז אויף דער בעט , דאס איז גיווען אזא שרעקליכער קראמפפהאפטער גילעכטער אז אלע האבען געזאגט : דאס איז שפאזמעס .

נאט אייך ! נאך דיא צרה האט מיר גיפעהלט — האב איך זיך געקלערט — זיא האט שוין ברוך השם שפאזמעס אויך , יעצט איז זיא שוין אנ׳אריסטאקראטקע מיט אלע פינטעליך און מיט אלע קנייטשעלאך .

* *
*

מיילע אז מיין יעקאטערינא איז געזונד געווארען דאס פערשטייט איהר דאך מסתמא , דען דער פערפלוכטער מלאך המות האט מיר ניט פערגונען דאס גליק איך זאל טאקי באמת אחתן ווערין האט ער זיא אבגעלאזט , זיא האט שוין נאכדעם

ספאזמעס

ערפאהרען

עֶרְפַאהרֶען אַז זִיא הָאט זִיךְ עֶרְשְׁרָאקֶען אוּמְזִיסְט אוּנ אַמְנִישְׁט, אַז דָא אִיז נִיט מֶעהר גִיוֶוען אַטְעוּת, אִין וֶועלְכֶען דֶער שַׁדְכָן רבי חיימקע האפטשיק אִיז שׁוּלְדִיג גִיוֶועזֶען, דֶען עֶר הָאט זַייא אַלֶעמֶען אַזוֹיא פֶערְדְרֶעהט דִיא קֶעפּ מִיט דִיא מוֹחוֹת אַז זַייא הָאבֶּען גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ בִּין דֶער חָתָן נִיט דִיא גְרָאבֶּע רֵייטֶע נָאז, אוּנ וִויא עֶר הָאט דֶערְטַאפְּט זַיינֶע שַׁדְכָנוּת גֶעלְד הָאט מַאן אִיהם שׁוֹין מֶעהר אִין דִיא אוֹיגֶען נִיט גִיזֶעהֶען, מַיין יעקאטערינא הָאט דָאס אַלֶץ רִיכְטִיג עֶרְפַאהרֶען אוּנ זִיא הָאט אַלֵיין מוֹדֶה גִיוֶועזֶען אַז זִיא הָאט גֶעטָאן אוּנְרֶעכְט גֶעגֶען מִיר.

אָבֶּער וָואס קוּמְט אַרוֹיס וָואס מִיא הָאט שׁוֹין דֶעם אֱמֶת עֶרְפַאהרֶען אוּנ מַיין וַוייבּ הָאט חֲרָטָה אַז בַּייא דִיא סְפַּאזְמֶעס אִיז זִיא גֶעבְּלִיבֶּען בִּיז הַיינְטִיגֶען טָאג, אוּנ אַנְשְׁטָאט דֶעם וָואס פְרִיהֶער פְּלֶעגְט זִיא מִיךְ דְרַאפֶּען אוּנ בַּייסֶען אוּנ דָאס הָאט מִיךְ אָקָאפֵּיקֶע נִיט גֶעקָאסְט, קָאסְט דָאס נָאךְ מִיר הַיינְט גֶעלְד אוֹיךְ, דֶען אַז זִיא בֶּעקוּמְט אִיהרֶע שְׁפַּאזְמֶעס (אוּנ דָאס טְרֶעפְט זֵייעֶר אָפְט) וֶוערְט זִיא נִיט פַאר קֵיין יוּדֶען גֶעדַאכְט אַזוֹיא מְשׁוּגָע אַז מִיא מוּז צוּא אִיהר בְּרֵיינְגֶען אַפָּאר דָאקְטוֹרִים זַייא זָאלֶען זִיא רַאטֶעוֶוען, אוּנ אִיךְ גֶעה אַרוֹיס אַקָאלִיקֶע פוּן אִיהרֶע נֶעגֶעל.

פְּרַאקְטִישֶׁע מֶענְטְשֶׁען הָאבֶּען מִיר אֲפִילוּ גֶערַאטְהֶען אִיךְ זָאל זִיא אַוֶועק פִיהרֶען אִין אִירְרֶענְהוֹיז מִיא זָאל אִיהר דָארְט גוּט אוֹיס בְּרֶעכֶען דִיא בֵּיינֶער אוּנ דָאס זָאגֶען זַייא וֶועט דִיא בֶּעסְטֶע רְפוּאָה זַיין, אִיךְ וֵוייס? אֶפְשַׁר אִיז דָאס טַאקִי אַפְּלַאן, מִיא בַּאדַארְף זִיךְ וֶועגֶען דֶעם מְיַשֵׁב זַיין מִיט גוּטֶע בְּרִידֶער, נָאר דֶער וַוייל הָאבּ אִיךְ קֵיין בֶּערוּהִטֶע שָׁעָה נִיט, אוּנ אִיךְ גֵייא אַרוּם אָן אַקָאפְּף אוּנ אָן אַמוֹחַ.

דָאס פֶערְשְׁטֵייט אִיהר דָאךְ מִסְתָּמָא אַז מַיין פְרֵיינְד שִׁמְעוֹן קָגָאפּפמאן אִיז גֶעוָוארִין אוֹיס חָתָן וַוייטֶער בָּחוּר, אוּנ בֵּיידֶען הָאט זַיין לִיבֶּער נָאמֶען גוּט גֶעשְׁטְרָאפְט, אִיהם מִיט אַגְרָאבֶּער רוֹיטֶער נָאז אוּנ מִיךְ מִיט מַיין וַוייבְּס סְפַּאזְמֶעס.